# די יודישע וועלט

ליטעראַריש-געזעלשאַפטליכע מאָנאַטסשריפט.

**№ 1.**

יאנואר 1913.

ווילנער פערלאג פון ב. א. קלעצקין.

יאַנואַר-בוך 1913.

## אינהאלט.


י. ל. פּרץ — דער דין-תורה מיט׳ן ווינט („פּאָלקס-מעשה׳לע״) . . . 3

י. קרני. — לידער . . . 11

ש. אש. — חורבן ירושלים (פּאָעמע). . . . 13

דוד איינהאָרן. — לידער. . . . 25

ה. ד. נאָמבערג. — די משפחה (פּיעסע). . . . 27

העניך ה. — זיבען פּאַסטוכער. . . . 44

ש. ניגער. — דוד איינהאָרן. . . . 60

ל. קעניג. — שמואל הירשענבערג. . . . 71

בעל-דמיון. — חיים זשיטלאָווסקי (צו זיין יובילעי). . . . 78

י. צינבערג. — דער „קול מבשר״ און זיין צייט. . . . 89

בערטאָלדי. — כלל-ישראל-פּאָליטיק . . . 99

י. עפרון. — פּאָליטיק און בירגערליכקייט . . . 104

נחום בירנבוים. — פון מערב . . . 110

ח. ד. הורוויץ. — דאָס יודישע לעבען (איבערזיכט). . . . 117

א. ווילנער. ליכט און שאָטען (איבערזיכט). . . . 130

ביבליאָגראַפיע . . . 140

פון דער רעדאַקציע . . . 145


אילוסטראַציעס: חיים זשיטלאָווסקי (פּאָרטרעט); ש. הירשענ-בערג — 1) אויטאָפּאָרטרעט, 2) די ישיבה, 3) גלות.

# זיבען פאַסטוכער.

אויף דעם גרויסען פעלד,
אויף דעם ווייטען פעלד
און אויף ראָד אַרום
און אויף ראָד דער גרויס,
פון אַ ווייטען עק,
פון אַ הימעל דאָרט
געהט אויף פונקט אויף מיט
דאָרט אַ מענש אַרויס.

ס'איז פון ווייט אַ מענש,
אָהן אַ נאָמען גאָר
און אַ שווייגער אויך,
ווי די פעלד אַליין,
וואָס ער האַלט זיך אויף
אין אַ ווינקעל פעלד
פון אַ הימעל-העק
ביי אַנ'אַלטען שטיין.

געהט ער צו צו מיט,
יענער מאַן פון דאָרט,
און אַ רוהיגער,
וואָס געוועהנט מיט צייט,
שטעלט און קוקט זיך איין
רוהיג, לאַנג אַריין
אין דעם הימעל-עק
פון דער קעגען-זייט.

לאַנג ער קוקט אַהין —
היטער פון דעם פעלד,
האַר פון אַלצדינג דאָ —
ראָד פון טאָג און נאַכט,
וואָס ער וואוינט אַליין,
ווייטע פעלד צו זעהן,
און ביים גרעניץ אום
שטענדיג שטיל ער וואַכט.

שטענדיג געהט אַרום,
אום-אַרום דער ראָד
און פאַמעליכען,
נאָר ער מעסט די פעלד;
ער בעטראַכט און זעהט
און אין רוה זיך נעהט,
זעלטען ווען עס איז
אויף זיין אָרט זיך שטעלט.

איצטער שטעהט אין מיט
און ער קוקט אַהין,
עפּיס וואַרט פון דאָרט,
פון דעם הימעל-ווייט,
און ער קוקט און שטעהט,
ביז מיט אויג דערזעהט
הערט ביים עקסטען עק
דאָרט אַ רייטער רייט.

שטעלט זיך רייטער דאָרט
ביי דעם עקסטען עק,
קוים געזעהענער
ביי דעם לעצטען שטריך,
ווייט און ווייט אויף פערד,
צווישען הימעל ערד:
„אָט געקומען בין,
האָסט גערופען מיך"...

דעמאָלט טוט אַ הויב
הענד מיט אויגען ער,
הענד צום הימעל הויך
איבער קאָפּ אויף זיין,
אין מיט קוק-בעשלוס,
ווי אין זיין רשות,
מיט אַ זאָג אַהין:
„באַ איר דער הילען מיין"...

הילען היל דער מאַן:
באַלד נעמענט זיין
זאָל אויך ביי די פעלד,
ביי־אַרויס אויס,
און אויף היטער ראָד
און אַרום-איהם-ראָד
זאָל פון נייער ערד
האַרים-גראָז אַרויס...

הילען היל דער מאַן:
הימער, הייס אין פעלד,
שיין פון הימעל-מיט
איבער, איבער אַלע —
ערד אין האַרים-גראָז,
און צווישען גראָז
זיצען פאַסטוכער
ביי אַ לויטער-קוואַל...

— ... — ... — ...

זיצען פאַסטוכער,
זיבען פאַסטוכער
ביי דעם ראַנד פון קוואַל
צווישען גראָז און קיהל;
קוקען שטיל זיך איין
אין דעם קוואַל אַריין,
פנים-שפּיגלען זיך,
און פערטראַכט און שטיל.

דעמאָלט הויבט זיך אויף
איינער פון דער ערד —
יענע זיצען זיך
און זיי קוקען נאָך —
אין דעם קוואַל אַריין,
פנים-וואַסער איין,
און מיט הענד אין רוה
פליקען גראָז און מאָך.

און זיי זעהען נישט,
זיי בעמערקען נישט,
און די קעפּ פערלאָזט,
פון מחשבות — מיעד,
ווי ס'הויבט שוין אָן
יענער ערשטער אָן
פון די פאַסטוכער
ביי דעם קוואַל די ליעד: —

## ערשטער פאַסטוך.

ווער וועט זאָגען,
וואָס איז קוואַל,
וואָס איז קוואַל
נאָך אַ זומער-נאַכט
פאַרטאָג,
ווען דער טוי איז נאָך
אויף פעלד,
ווען די זון איז נאָך
הינטער בערג
הינטער ווייטע,
אין דער ווייט?

ווען נאָך מאָרגען-שטערן
שטעהט,
ווען דער הימעל-נאַכט
נאָך רוהט,
ניר די פעלד שוין

טאָגיג זעהט,
טאָגיג ווייס: —
— ס'האָט אַ קוואַל
אין גראָז, אין ערד,
ס'האָט אַנ'ערטיל
אין דער ערד
און אַ ברונים
ביי אַ שטיין...
ער — דער קוואַל —
געדעקט,
געדעקט,
טויען־רויכעל
אויף איהם שוועבט,
אָנגעריהרט,
נישט אָנגעריהרט,
קאַלט און כשר,
נאָר ער וואַרט
אויפ'ן ערשטען שטראַהל
פון זון?...

צי איז דער סוד
פון יענעם מאַן,
וואָס ער שטעהט
פאַרטאָג אויף באַרג, —
הויכער, הויך דאָרט,
און ער וואַרט,
נאָר מיט פנים
איז געקעהרט
ער צו מזרח־זייט
און קוקט
אויף פריה־מאָרגען,
וואָס געהט אויף
פון דער ערד,
פון ווייט, און שפּיעלט
מיט דער זון,
מיט שטראַהלען־רויט
קוים אויף הימעל,
קוים אויף באַרג,
און אויף ראָד אַרום
נאָך שלאָפט? —

ווער וועט זאָגען,
וואָס איז קוואַל
אין יענער צייט
צווישען גראָז
אין דעם גראָהז־
פריהמאָרגען־פעלד
אין זיין גריבעל
אַ פאַרטאָג?...

## צווייטער פאַסטון

אוי, איך ווייס, —
איך ווייס, איך ווייס —
בקבלה און בעגלויבט...
פון דעם אַלטען
ביי דעם שטיין
אין דעם ווייטען,
ווילדען וואַלד
וואָס ער זיצט ביי איהם,
איהם האַלט,
טעג און נעכט ביי איהם
אין רוה;
יאָהרען, יאָהרען
הערט זיך צו,
קלאַפּט און קלאַפּט
און הערט זיך איין
און מיט לעבען,
אַלטען־לייב,
דיענט און דיענט צו איהם.





צום שטיין,
קניעט אין בעט פאַר איהם
און וויינט,
טאָמער האָט פון איהם;
ער מיינט
הערען קען ס'איז
פון איהם
שטילען אָנהויב
פון זיין שטים;...
און ער האַלט איהם
מיט זיין גוף,
און מיט קאָפּ
אויף איהם געלעהנט,
גראָהער, אַלטער קאָפּ
געשפּאַרט,
שוואַך אין מיעד דאָרט
אָנגעשפּאַרט,
ליגט בעשטענדיג
מיט איין זייט,
מיט איין אויער
אין ער הערט,
שפּירעט און שעפּטשעט
אַלטע רייד,
רעדט צו זיך,
צום שטיין אַווי: —

„יעדער שטיין דאָך
האָט אַ קהאַל...
היפּיעל שטיינער
אויף דער וועלט,
היפּיעל קהאַלען
אויף דער וועלט,
היפּיעל [illegible]
איז אין זיי,
היפּיעל אוצרות
אין דער שטים...

וואַלגערט, וואַלגערט זיך
אויף וועג,
ווי גאָר שטרויכלונגען
אין זיי...

„ווער־זשע ווייס דען
אָבער זיי,
ווי דער אַלטער
דאָ אין וואַלד,
ווי איך, אַלטער,
דיך, מיין שטיין? —
היל־זשע, כ'בעט דיך
דיך, מיין שטיין,
זיין דער ערשטער
מיר פון זיי: —

„עפען, עפען זיך
צום ערשט,
לאָז די וואַסער
פון דיר געהן,
רינען, גיסען זיך
ביז דאָרט,
ביז אַ צווייטען שטיין

אויף וועג: —
„יענער עפענט זיך
דאַן אויך,
דיר אַנטקעגען קומט
מיט זיינס,
פאַלט אַריין אין דיר
איהר געהט,
ביידע פרעהליכע,
אין וועג,
ביז אַ דריטען
איהר דערזעהט; —

„אויף דער דריטער

קומט צו איך,
פיערטער, פינפטער
און אזוי —
פון די ריטשקעס
ווערט א טייך
און פון טייכער —
און עס קוועלט,
וואסער — ברעגעס
געהט ארויס
און אויף ווייטען
גיסט זיך אויס;
און די וואסער
זיך אלץ מעהרט,
אלע שטיינער
אויף דעם וועג
נעהמען גיסען;
און דער טייך —

„ער פערשפרייט זיך
איבער ערד
און ער יאגט זיך
איבער ברייט,
איבער דערפער,
איבער שטעדט
און ער מעהרט זיך
און פערמעהרט,
פעלדער, וועלדער
ער פערנעהמט,
און פון לענדער
אין א לאנד,
לעצטען לאנד,
וואס פאר דעם ים,
טייך דערזעהט
פון ווייט דעם ים: —

„ברודער, ברודער!
אונז צעשיידט
האבען דורות
און די ערד
טעג און נעכט
און יאהרען, טעג...
ברודער, ברודער!
איצט זייט גרייט,
ים, די גרויסער,
איצט גיעה אויף...
אט מיר געהען,
קומען אן,
און מיר פאלען
דיך באלד אן
און מיר גיסען זיך
צונויף"... —

אלטער זאגט:
דאס אין זומער־פעלד,
אז ס'טאגט,
דאס טראכט קוואלעכיל
אין גראז,
דאס איז מיין
פון יעדער קוואל,
דאס איז מיין
פון יעדער שטיין...

## דריטער פאסטוך.

הויבט זיך דריטער פאסטוך אויף,
הויבט זיך דריטער אויף און זאגט: —
— ווער וועט זאגען
אבער אונז,
ווער וועט זאגען
אבער קוואל,
אבער קוואל...
אין א הייסען טאג





אין פעלד,
ווען די פאסטוכער
ביי איהם
זיצען שטילע
ביי זיין ראנד,
און פערטראכט,
די פערשטאכט,
און מיט קאם אריין
אין קהאל
און מיט־פנים'ער
אין איהם; —

האט די זון,
די בלאס פון הויך,
און די הייזעראן
ברענט אין לופט
און די גראז
ים שראכט אין פעלד;
ווען זי [illegible]...
זיך אזוי...
אלע, אלע
אויף דער ערד
און מיט פיס דאן
אונטער זיך,
קעם מיט פלייצעם
אונטער [illegible]
נאר מיט פנימ'ער
אין קהאל
און דעם טונקעלען
אריין; —
האס־ישע טראכטען
דערמאנט זיי,
דאס טראכט
יעדערער פון זיי? —

## פיערטער פאסטוך.

אוי, איך ווייס,
איך ווייס, איך ווייס,
מיט אנ'אמת —
און בעגלויבט...
פון דער וועוועריל
דער יונגער
אין א זומער־טאג
אין וואלד,
אין בעהעלטעניש
פון איהם,
אין געדיכטעניש
פון ביים,
אויפ'ן גלייכסטען,
העכסטען בוים
שטעהט דארט וועוועריל
ביים קאפ —

[illegible] הוידעט זיך
אויף דעם צווייג,
רוהט, נישט־ריהרט זיך,
שאקעלט קוים,
שטעהט און קוקט זיך,
הוידעט גרינג,
קוקט פון הויך נאר
איבער איהם,
איבער וואלד,
ארוים פון וואלד.

האט די וועוועריל
בעמערקט,
האט זי ווייט
א פעלד דערזעהן,
וויל היינט קעפעלע
צום־ערשט

אויסגעשטרעקט
האָט העכער וואַלד:
— עפּיס דרויסען
אויסער וואַלד...
און אַ הימעל אויך
אויף איהם,
און אַ וואָלקענדיל
דאָרט הויך; —

גיט זיך וועווריל
אַ שרעק,
טוט אַ ציטערל
מיט לייב.
טוט אַ הוידע זיך
מיט צווייג
און דעם קערפּערל
אַ כאַפּ,
און אַ היפּע
און אַוועק,
און אַ שפּרינגעל
ערגיץ איין, —
ווייל אַ שינוי
וועט דאָ זיין...

וועווריל זאָגט: —

— באַלד אַ רעגענדיל
וועט געהן,
(אַלץ עס נעהמט זיך
פונ'ם קוואַל...)
פריהער פאַמעליך
און אַ שטיל,
אַ בערוהטער,
ווי עס זייהט
פון אַ נעץ נאָר
עטוואָס דורך; —

רוהיג, רוהיג
וואָלקען-הויך,
גראָהער וואָלקען
שיטער נאָך;
נאָר פאַמעליך
אויפ'ן גראָז
און משופּע
אין דער לופט,
אויפ'ן גרויכען
ווייטען פעלד
אין דער ליכטיג
נאָך פון טאָג,
דורכגעזייהט
דורך וואָלקען-ליכט, —
אַ צוויי טראָפּען
אויף דעם קוואַל...

— נאָכדעם שטאַרקער
הייבט אָן געהן,
גיך און גיכער,
און ער גיסט.
טונקעל, טונקעלער,
פון הויך,
מיט אַ פאַרע,
מיט אַ זיפּ,
ער פערשטעלט
די אויג פון פעלד,
ער פערשטעלט
ד' שיין פון טאָג;
און דער קוואַל —
ער איז שוין שוואַרץ,
אויף דער קוואַל
אַנטקעגען געדט,
אויף דער קוואַל ער געהט שוין אויף;

— שטאַרקער, שטאַרקער,





און עס שמייסט,
פעלד און לאַרע,
און עס גיסט,
גראָז און גרינס פון גראָז
פערניסט,
שטעה'ן, האַלבע שטעה'ן
גלייך;
שוין דער באָג
ער רוקט זיך אָב,
און די שיין
זיך רוקט אַרוס —
פאַרעס, פאַרעס
זייהט זיך אויס,
הויבט זיך אויף
און טוט זיך אָב,
און עס פאַלט שוין צו
די נאַכט; —

— קומט דער רעגען
אויך אין נאַכט,
פאַלט ער דורעך
אויך דורך איהר,
בלייבט שוין רעגען
דאָ אויף געהן...
פּלייצט און פּלייצט ער
און ער גיסט,
ציהט זיין שפּע
נאָך פון פריהער,
אין דער פינסטער
אויף איצונד
פון דעם הימעל
אויף דעם פעלד, —
קאָם געצווינגען
שטעהט די פעלד,
און דער הימעל
צהאָגט און צהאָגט

נאַקעט-פעלד
מיט פינסטער-מיט
און די וועגען,
האָט אויף דעם,
און די העלדער,
האָט אַרום,
שוואַרצע, נאַסע
איצט אין נאַכט,
אויף אַהינצו
פאַלט אַריין
קאַפּע, קאַפּע
אויף דעם בוים,
טראָפּען, טראָפּען
פון דעם בלאַט,
אין דער פינסטער,
אין דער נאַס,
פון די בוימער
אויף דער ערד,
אויף דער וואַלדישער,
אין נאַכט,
אין צעווייקטער —
האַלבער נאַכט,
שפּעט און שפּעטער, —
און ער געדט
און ער הערט נישט אויף
צו געהן... —

— „וואו איז קוואַל
אין יענער צייט,
וואו איז קוואַל פון פעלד
ביי טאָג,
וואָס טוט קוואַל
אין רעגען-נאַכט,
ווען קיין פאַסטוכער
נישטאָ?“ —
דאָס טראַכט זומער-טאָג

אין פֿעלד,
דאָס טראַכט פּאַסטוכעל
ביים קוואַל...

ווער וועט זאָגן
אָבער אונז,
ווען פֿאַרנאַכט...

## פינפטער פּאַסטוך.

שטעלט זיך פֿינפֿטער פּאַסטוך אויף,
שטעלט זיך פֿינפֿטער אויף און זאָגט:
— אַלע ווייסען,
אַז ס'איז דאָ
אין די גרויסע טעג
אין פֿעלד,
אין די זומער־טעג
אין גראָז
אַ בעהעלטעניש
אין ערד,
אין אַ גריבעלע
אַ קליין,
לויטער־וואַסערל
אין קוואַל
און אַ לעבעדיג,
און לעבט, —
קיינעם געהט'ס ניט אָבער
אָב,
קיינער טראַכט דערפֿון
אויף וועלט,
אויסער פּאַסטוכער
ביי דעם,
אויסער יענע,
און אַמאָל,
ווען זיי זיצען שטיל
בייטאָג
און זיי קוקען דאָרט
אַריין...
דאָס געהעדט־זשע
איז בייטאָג, —

— ווען די פֿעלד,
זי בלייבט אַליין,
טונקעל, טונקעל
—שוין אַ העלפֿט,
האַלבער־מזרח,
ווי ער שלאָפֿט,
טרויער־אומעטיג
פֿערגאַן,
ווי פֿערלאָשען
האַלבע ראָד
קעגען מערב־זייט;
פֿאַרנאַכט, —

— ווען די זון
איז שוין
אין עק,
ווען זי קוקט
אויף פֿעלד —
פֿערהילט,
און אויף קוואַלעכיל —
פֿערשטעלט,
קומט צו דעם דאַן
מיט אַ שטראַהל
מיט אַ לעצטען,
דעם דערלאַנגט
מיט אַ גאָלדענעם
אויף נאַכט —
אַ געדעכעניש
נאָך זיך; —

— ווער וועט זאָגן
דעמאָלט אונז,





האָט עס טראַכט זיך
קיהלער קוואַל,
ווען ער נעהמט זיך
ווקאָלט אין
און פֿערטראַכט זיך
אויף ביינאַכט,
ווי צו בלייבען
דאָ אַליין,
צו בעטראַכטען
טאָג־געהען,
זיך אין אייגענעם
ביינאַכט,
חשבון־קוואַלעכיל
מיט זיך,
לויטער־חשבונידעל
אין קוואַל?...

שטענדיג, שטענדיג
נאָר געקוקט
און געקעדהרעוועט
צו זון... —

— פֿאַר שאַריען
נאָך פֿון טאָג,
פֿאַר זון אויפֿגעהן
אויפֿ'ן ים —
אויגען וואַרטען שוין
אויף זון,
זיך דערוואַרימען
צום ערשט,
זיי בעגעגענען
פֿון ווייט
רויטע שטראַהלען־
פֿריה פֿון זון... —

## זעקסטער פּאַסטוך.

אוי, איך הייס,
איך הייס, איך הייס,
רייסט זיך זעקסטער
פּאַסטוך אָב: —

— איבער וואַסער,
איבער ים,
אויף דער גרויסער וועלט
אין ים
שווימט אַ קאָפּ
מיט אויגען צוויי, —
שטילע אויגען
זיצען דאָרט
אין דעם קאָפּ
און קוקען גלייך,
אָפֿען תמיד,
פֿינבלען נישט,

— רוקט זיך העכער
זון אַרויף,
קוקען נאָך איהר
שוין די צוויי,
געהען נאָך איהר
טריט ביי טריט:
זי אין הימעל —
קאָפּ אויף ים,
אויוועך — הימעל —
כוואַליעס — ים,
קאָפּ אויף וואַסער,
כוואַליע — אויף,
קוקען אונטער,
דרינגען אויף, —
קיינמאָל אויג ווערט נישט
פֿערשפּריצט,
קיינמאָל קאָפּ איז נישט
בענעצט,

אָבגעטאָן
איז קיינמאָל נישט,
צוגענומען
אויף איין האָר
יענע אויגען
פון דער זון... —

נאָך האַלבען טאָג...
זון פון מיטען
רוקט זיך אָב
און צו מערב
נויגט אַראָב, —
אויגען דעמאָלט
אויסגעדרעהט
נאָך איהר גאַנג
און איהר נידערן
און נאָך איהר געהן
אַראָב, —
ים נאָך ים
ער טראָגט זיי צוויי,
אויגען שטראַהלען
האַלטען איין,
טאָג דעם גאַנצען
זיך אין שיין,
און זיי לאָזען
זי נישט אָב,
ביז פאַרנאַכט...

איבער וואַסער,
איבער ים,
אויף דער גרויסער וועלט
פון ים
שווימט אַ קאָפּ
מיט אויגען צוויי, —
איבער מיטען
פונ'ם ים,

איבער ענדע־נישט
פון איהם.
אין אַ שטילען דאָרט
פאַרנאַכט, —
ווען די זון
זי זעצט זיך דאָרט,
אויגען שוואַך שוין
פונ'ם קאָפּ
קוקען אַלץ נאָך
דאָך אויף זון,
און די אויגען
פול מיט איהר,
גרויס און אָנגעגאָסען
רויט, `
שווימען, שווימען
נאָך נאָך איהר,
כוואַליעס העלפען
אונטער קאָפּ,
טראָגען, טראָגען
איהם צו זון,
ביז צום לעצטען.
ביז פערגעהן...

— „אָך, די אויגען
יענע צוויי,
ווער־זשע בלייבט דאָרט
דעמאָלט זיי,
ווען די זון,
זי רוקט זיך אָב,
און דער שיינען
ציהט אַרויס,
און די אויגען
בלייבען אויס
אויף אַ ים
און אין אַ קאָפּ, —
א.ן דער קאָפּ





זי נישט דעריאָגט?" —

— „אָך, די אויגען
יענע צוויי, —
ווער־זשע בלייבט דאָרט
דעמאָלט זיי,
איבער הימעל
אין דער הויך
און די שטערען
דאָרטען פרעמד.
אין אַ קאָפּ
אין נאַכט, אַליין,
אויף אַ ים
אין חושך־נאַכט
נאָל'ן טאָג,
האָט נישט דערגרייכט?" —

— דאָס טראַכט קוואַלעביל
פאַרנאַכט,
טראַכט זיך קוואַלעביל
אין פעלד,
חשבון־קוואַלעביל
מיט זיך,
אידער אונגעלעך
פערמאַכט...

## זיבעטער פאַסטוך.

לעצטער פאַסטוך נעהמט דאָס וואָרט,
לעצטער פאַסטוך זאָגט אַזוי: —
— זיבען שומרים
זענען זיי:
זיבען היטערס
האָט געשטעלט
האַר פון אָנהויב
אויף דער וועלט: —

זיבען טעג
אויף וועלט און וואָך
און די נעכט
פון הינטער זיי,
אויף יבשה
און אויף ים...
און די שטערען
אין דער נאַכט,
דאָס איז רעטעניש
פון נאַכט,
און די ברונימס
אויף דער ערד —
די בעשיידעניש
אין זיי...
יעדער ברונים
האָט זיין ליעד,
יעדער וואַסער
שפּיגעלט אָב
פון זיין פאַסטוכעל
אין טאָג;
פון זיין פנים,
זיין געשטאַלט,
און דער זיבעטער
פון — מיר...
און איך זאָג:

סוד פון טאָג,
און זיין אויפגעהן
און פערגעהן,
און זיין ליכטיגקייט
און זעהן,
און זיין הערשען
אויפ'ן פעלד,
אויף די הימלען
גאַנצען טאָג
און אויף ליכטיגקייט

פֿון טאָג, —
אָט דאָס אַלץ
איז פֿערמאַכֿט,
אָט דאָס אַלץ
ליגט און שווייגט
אין דעם ברונים
אויפֿ'ן גרונד,
אין דעם וואַכֿערל
ביי ערד,
אין דעם וואַכֿערל —
פֿערדעקט...

ווער-זשע זאָגען
וועט אונז היינט,
וואָס איז דאָרטען
אויפֿ'ן דעק,
אונטען, אונטען
אויפֿ'ן גרונד,
וואָס עס ווייס
דעם סוד פֿון טאָג,
פֿון זיין אָנהויב
און פֿערגעהן
און די גאַנצע צייט
זיין שטעהן,
ליכֿטיג-ליכֿטיג
איבער אַל', —
און זיין זיין
אויף שטרעקע גרויס,
און דערנאָך
פֿון זיך אַליין
צאַנקען, צאַנקען
ביזקעל אויס?... —

ווער-זשע זאָגען
וועט אונז היינט,
וואָס איז דאָרטען

אויפֿ'ן דעק,
שטיל אין וואַסער,
וואָס עס האָט
יענעם שליסעל
און זיך שפּיעלט,
זיך אין שוים אַריין —
און ווייס,
זיך אין באָרד אַריין —
און לאַכֿט,
שטיל געלעכֿטערל —
פֿערשטעלט,
וואַסער-שמייכֿעלע —
אין טאָג,
און אין וואַסערל —
עס קוועלט?...

ווער דאָס זאָגען
וועט אונז היינט? —
איך אַליין...
און אַ מעשה
איז געווען, —

ווי געזעסען
בין אַמאָל
און אַריינגעקוקט
אין קוואַל;
אויוועןטאָג
אויף מיר געווען,
האָב מיט אויגען
זיך פֿערטראַכֿט
און געקוקט,
אין קוואַל געקוקט,
אָבער גאָרנישט-ניִשט
געזעהן.
פלוצים...
טוט זיך דאָרט





אַ הייז
פֿון אַ בולבעלע
אַ קליינע,
פלוצים טוט אויף קוואַל
אַ געה
וואַסער-רעדעלע
אַ שטילע...
רעדיל-וואַסער
זיך צענעהמט
און צעגעהט זיך
אין אַ ראָד...
שטיל אַ בלעזיל —
און אַ ראָד...
און צום דריטען מאָל
אַ ראָד...

דעמאָלט ווייזט זיך
שטיל פֿון דאָרט
פריהער אַ קעפּעלע
אַ קליינע,
מעהר און מעהרער,
און אַ נאַסע,
העכֿער, העכֿער,
רוקט אַרויס
פנים, העלזיל —
און דערנאָך...
האַסער... באָרד...
אַ האַלבער גוף,
העכֿער, העכֿער,
שוין אַ גוף:
וואַסער-מענשעלע
געהט אויף... —
וואַסער-מענשיל
נעהמט אַפּריהער
באָרד און פנים
טרייסעלט אָב,

לאַנג און טרייסעלט זיך
מיט ברעם,
אויגען זשמורעט
אונטער ברעם,
הויבט דערנאָכֿדעם
קעפּיל אויף,
טוט אַ וואַסער-קוק
אויף מיר... —

— טאָג אין וואַסער-קוק
איז גראָה,
קוק פֿון וואַכֿער דאָרט
איז שלאָף,
ווי פֿון גרעזער
אויף אַ גרונד,
ווי אין גרעזער
אין אַ טייך
אין אַ זומער-טאָג
אַמאָל...

האָט אַ קוק געטאָן
אויף מיר
וואַסער-מענשעלע
אַזוי:
מיר אין אויגען,
אויג צו אויג,
און פֿון אונטען
שטיל אַרויף,
מיט אַ קנייטשעלע,
ביים אויג,
מיט אַ חכמה'לע
ביים שלייף,
און אַ שמייכֿעלע
פֿערשטעלט —
— האַלב אויף שטערענדיל
געווען,

און דאָס אַנדערע —
אויף מויל,
האַלב געלעכטערל,
ווי קלוג,
און דאָס אַנדערע
האַלב תם,
האַלב ביים אויגעלע
געמיינט,
און מיט אַנדערן
געזאָגט:

„אויב דו, פּאַסטוכעל,
מיט מיר
ווילסט אַראָבגעהן
אינ׳ם קוואַל,
שטיל מלוכה־טאָג
צו זעהן,
וואַסער־הערשאַפט
אינ׳ם שלאָף
אין דעם רוהיגען
ביי טאָג, —
רעד אַרויס...
—„רעדיל־אַיין
און רעדיל־אויס...“
וואַרט די וואַסער־רעדיל
גרייט
אויף דעם שטילען וואָרט
פון מיר...
באַלד עס עפענט זיך
אַ טיר,
קומסט דו, פּאַסטוכעל,
דו ווילסט?..“

גלייך בעשטאַנען
בין איך דאַן
און מיט איהם
אין קוואַל אַריין...

שטעהן געבליבען
בין אויף טיר,
וואַסער־שטילקייט
שוין אויף מיר,
און די וואַסער
שוין פערמאַכט,
וואַסער־מענשעלע
מיך וואַכט:
איידער געהן
זיך נאָר געלאָזט,
אָבגעהאַלטען
האָט מיך שטיל,
אויפגעהאַלטען
אויף איין אָרט
האָט אַ ווײַלע,
און דערנאָך
צוגעגאַנגען
איז צו מיר,
זיך אַנטקעגען
און געשטעלט,
מיר אַרויפגעלעגט
אַ האַנד
אויף אַג׳אַקסעל
אין דער שטיל,
נאָך אַ קוק געטאָן
אויף מיר
מיט זיין קוק מיר
גלייך אין אויג
און אַ פינגער זיך
געשטעלט
איבער ליפען,
איבער מויל...

לאַנג געגאַנגען
בין מיט איהם,
און געפידערט האָט מיך
אין קוואַל: —

— טאָג־מלוכה
אין דער שטיל,
שלאָף פון וואַסער
אונטער רוה...
וואַסער־מלכה
זיצט אויף טרוין,
וואַסער־מלכה,
און געבעט
מאָך און גראָזען
אונטער איהר,
וואַסער־מענשעלעך
צו פיס
אין די אויגען
קוקען איהר,
אין די אויגען
פון איהר טאָג...

...כ׳האָב דאַן אויך
געזעהן, געזעהן
שטילע רעטעניש
פון איהר
און בעשיידעניש
פון קוואַל, —

נאָר פאַר מענש פון קוואַל
האַלט וואָרט,
נאָר דעם קוק פון איהם
געדענק
ביים אַריינגאַנג,
ביי דער טיר,
און זיין פינגער
אויף זיין מויל...

